בעזהי"ת

-א-

# עד מתי נחשה

## מילך מינונג וועגען חלב

די ווייטער דערמאנטע פראגעס עגבערען ביי מיר אין מיין גלייכען אין מוח, אין יעמוד מי שירצה צו געבען די ריכטיגע ענטפערס!!!

אין אלע דורות ווען עס איס געווען א שטורם איבער א וועלכס מכשול, פלעגען זיך ביידע צדדים באנוצען מיט קעגען זייטיגע תורה׳דיגע אין שכל׳דיגע טענות צו באגרינדען זייער שטעלונג. אין היינטיגען דור תהפוכות באגעגענען מיר זיך מיט א מאדענע ערשיי-נונג, א וויכוח פון שקר מיט "אמת". אין דער צייט וואס איין גרופע גדולים שטעלען ארויס גאונישע לומדישע אמת׳דיגע פעסטע טענות וואס צייגען קלאר אומצווייזייטיג דעם גרויסען מכשול פון פלייש וואס ווערט פארקויפט אין אלע קרייזען בחזקת מנוקר נמלח והודח "כשר למהדרין מן המהדרין" תחת השגחת... האבען נאך חלב דאורייתא מיט שטיקער אחוריים, טוען אנדערע דאס פארטיידיגען מיט שווינדלערישע פאברעכערישע מעטאדען וואס זענען קרום און פארקריפעלט אין מיט דעם טוען זיי ארויסווייזען גלייכגילטיקייט צו דעם הארבען איסור פין אכילת חלב מיט אירע טראגישע נאך פאלגען ברוחניות ובגשמיות.

דאס פאפיר איז צו קורץ צו קענען אויספירלעך אפשרייבען דאס פאלשקייט אין בלאף מיט וועלכע מען באנוצט זיך, פון דעסטוועגען וועלען מיר פארלייגען עטליכע ביישפילען, "הרב מקאשוי האט אויסגערעכענט אין זיין בריף וועלכס איז אדרעסירט געווארען צום סיגעט-סטמער רב 12 מינים חלב וועלכע זענען געפונען געווארען אויף פליישען וואס עדים נאמנים האבען געקויפט אין אריבער געברענגט צו אים, הרב מקאשוי הטא נישט געשוינט קיין מיה אין קיין פלאג וויסענדיג די ערנסקייט וואס דאס מיינט עסען חלב רח"ל אין באלאנסירענדיג אין געגענזייט דאס אחריות פון הוצאת לעז אויב דער ניקור איז יא גוט, דער קאשוי רב איז מפורסם פאר א איש הירא (כלפי שמיא) ורך הלבב (בין אדם לחבירו) אין איז גרייט צו פארציכטען אלעס נישט ח"ו פוגם זיין אין כבוד פון דעם קלענסטען, דעריבער האט ער געלאזט אראפ ברענגען מנקרים פון דערהיים פון אלע מדינות אונגארישע, פוילישע, רוסישע, אין ארץ ישראל׳דיגע, סך הכל נאנט צו א מנין מנקרים מיט כתבי קבלה (רוב פון זיי האבען געהאט קבלה אויף אחוריים) דורך זיי איז באשטעטיגט געווארען:

1. די אובענדערמאנטע 12 מינים חלב וועלכע רוב פון זיי זענען לכל הדעות לויט אלע מנהגים אסור באיסור גמור.
2. עס איז געפונען געווארען חלקים פון אחוריים וואס העלפט נישט קיין ניקור.
3. עס איז געפונען געווארען חלקים פון אחוריים אום גע׳ניקור׳ט.
4. גרויסע מכשולות ביי ניקור חלק הפנים.

דער גרויסער מכשול פון חלב איז באשטעטיגט געווארען דורך נאנט צו 100 רבנים מובהקים ביי די רבנים קאנווענשען אסרו חג סוכות תשמ"ג, דארט איז באשלאסען געווארען פאלגענד:

1. עס איז דא גרויסע מכשולות ביים טרייבערען דעם חלב.
2. עס קומט אריין אחוריים אין בוטשער, אין רבנים מכשירים פון לאנגע יארען האבען דאס אויך נישט געוואוסט ביז היינט נאך דעם וואס דער שטארעם פון חלב איז ארויס אין די עפענטליך, אין זיי האבען זיך נאך געפרעגט ביי די קצבים, וועלכע האבען דאס באשטעטיגט.
3. די רבנים המכשירים האבען קיינער נישט געקענט קיין ניקור (אין אויך די איבריגע רבנים).
4. עס איז נישט דא קיין השגחה ביי ניקור.
5. א וויכוח צווישען 2 רבנים מכשירים אין זעלבען פלאץ, איינער האט גע׳טענה׳ט אז צו גלאט כשר פליישען נעמט מען בהמות מיט סירכות, דער אנדערער האט געלייקענט.
6. א רב האט געפרעגט פון א רב המכשיר אויב ער קען באזיכען אין שלאכט הויז? האט דער רב המכשיר גע׳נפערט "איך לאז קיינעם נישט אריין אין שלאכט הויז" (דאס מיינט אז פון די אלע רבנים וואס האבען טייל גענומען אין קאנווענשען לאזט ער קיינעם נישט אריין וד"ל).

אין די פלייש מארקען איז געפאלען די ביזנעס מיט איבער 60% אין אלעניש איז געגרינדעט געווארען דורך די באקאנטע ח ב ר ת " מ ק מ ק " (ר"ת מכשירים קצבים מנהיגים-קלים) א פאבריקאציע צו פאבריצירען פארשידענארטיגע היתרים צו צימישען די מוחות פונעם דעת הקהל כאילו עס איז בלויז א בלבול אין אלעס איז מותר, עס האלט שוין אויף א מצב ווי עס קען זיך דאכטען אז דער איסור חלב איז נישט נוהג בזמן הזה, נאר בזמן הבית רח"ל.

די היתרים דורך די אויבענדערמאנטע ארגאניזאציע האט אנגעהויבען ארבעטען אויף אלע פראנטען, די גרונד פרענציפען פון די ארגאניזאציע איז באזירט אויף דאס פאלגענדע:

1. עס איז ערלויבט צו שרייבען ליגענט מיט פאנטאזיעס אן א גבול. 2. מען טאר זיך נישט רעכענען מיט׳ן איסור לה"ר, רכילות, ליצנות, מלבין פני חבירו. 3. מען דארף מבזה זיין אין אראפרייסען פון גרויס ביז קליין ווער עס שטייט אין וועג מיט כל מיני זלזולים

ובזיונות. 4. ווער עס וועט שטיין און וועג זאל מען אים באזייטיגען מיט טערור.
5. דרשות דארפען געהאלטען ווערען, פאשקעווילען דארפען ארויסגעשיקט ווערען, קללות
דארפען געהערט ווערען אן אויפהער אויף די גרעסטע גדולי ישראל. 6. קינדער פון חדר,
בחורים פון ישיבה, זאל מען מדריך זיין אין ערציען צו רעדען און בארעדען אין שעלטען
מיט די ערגסטע קללות פונעם אויפשטיין ביז'ן לייגען אלע גדולי ישראל. וכל המרבה הרי
זה משובח. 7. תורה אינגעלייט זאלען אריינגעצויגען ווערען אויסצוארבעטען היתרים אויף
חלב, אפילו עס פארלאנגט זיך צו פעלשווען די רייד פון די פוסקים. 8. אן עקסטערע
אפטיילונג פון בני תורה זאלען זיך באנעמען מיט פעלשעווען תשובות, דאס מיינט נעמען
חשובות אין אויסארבעטען ווי א שניידער א סוט ווי עס פעלט אויס שנייט מען אוועק און
ווי עס פארלאנגט זיך לאזט מען צו, ( עס איז מפורסם די עובדא ווי א יונגערמאן פון די
הויפט עסקנים להתיר חלב האט דן געווען דעם ספר לחם שערים לשריפה, צוליב דעם ווייל עס
ווערט דארט דערמאנט אז 10 גאונים און די צייטען גר"אזי"ע, צווישען זיי דער ברידער
[redacted]
9. ארויס שיקען פאלשע בריף אינטערגעשריבען די נעמען פון די רבנים המערערים אז זיי
זענען מתיר דעם חלב. 10. די בי"ד שבירושלים וואס האבען א מאל מיט'ן אייגענעם געוויסען
אין ווילען געשטיצט קאמפלעט די מערערים אויף חלב אין געגעבען זיי ווארעמע המלצה בריף
אז זאלען זוכה זיין מתקן צו זיין דעם מכשול פון חלב, זאלען געצוואונגען ווערען מיט
גיט'ן אין מיט בייזען אונטערצושרייבען א פסק וואס זאל אויסקוקען פאר דעם המון עס אז
זיי זענען מתיר די פליישען פון גאנץ אמעריקא.(והועיל). 11. ארויסלאזען פאלשע
קלאנגען וואס איז נישט געשטויגען אין נישט געפלויגען קעגען די אלע וואס זענען מערער
אופן פלייש, מען דארף פארקוקען אויף די אלע איסורי תורה וואס איז פארבינדען מיט דעם.
12. מפה לאוזן זאל מען צווויסען טוען פאר אלע פעהיגע אינגעלייט וועלעכע ווילען זיך
אויפהייבען צו א הויכע קאריערא אז יעצט איז די געלעגענהייט דערצו מיט'ן אויסניצען די
פעהיקייטען ארויסצוברענגען פאר'ן המון עס אז עס איז נישט דא קיין מכשול פון חלב.
דער וואס קען שרייבען זאל שרייבען, דער וואס קען דרש'נען זאל דרש'נען, דער וואס
קען טעראריזירען זאל טעראריזירען, יעדער איינער לפי שורש נשמתו וגבהות רוחו.

<u>דאס זענען א טייל פון די פראדוקציע פון חברת "מקמק"..</u>

1.א פסק דין פון בד"ץ ירושלים עיה"ק אז זיי האבען פארהערט 2 מנקרים (הגה- נישט זיי
האבען אריינשפאצירט אין בוטשער פלוצלינג ווען זיי האבען גע'ארבעט, נאר אפיציעל
גענומען אופען פארהער) און זיי קענען דעם אונגארישען ניקור, (הגה"צ ר' אברהם לייטנער
האט געזאגט אין דרשה מוש"ק פ' תולדות אז דער בד"ץ קען נישט קיין ניקור) דערפאר מעג
מען עסען אין גאנץ אמעריקא פליישפון אלע חרידישע געשעפטען, (הגה- פשוטע בעלי בתים
זענען ערשטוינט געבליבען פון דעם אומפארשטענדליכען פסק וועלעכע האט נישט צו זיך קיין
גלייכען אין די געשיכטע. 2.. עס איז אפגעדריקט געווארען א אויפרוף פון איינעס פון די
חברי הבד"ץ אז מען טאר נישט מהרהר זיין נאך דעם אונגערישען ניקור, אנשטאט וואס יעדער
דארף פארשטיין אז נאך דעם פסק זאל מען נישט ניצען קיין פלייש ווייל עס איז נישט געשניטען,
געשרייבערט, אין מיט השגחה אזוי ווי אין אונגארין (הגה-אזוי ווי די אויבענדערמאנטע
רבנים ביים קאנווענשען האבען באשלאסען אז דא ברענגט מען אויך אריין אחוריים אין עס
איז נישט דא קיין השגחה, אין עס איז דא מכשולות). האבען דאס קרומע קעפ אויסגעטייטשט
מחיר צו זיין דאס פלייש, - אגב אין דעם בריף פון ראב"ד וואס האט געהאנגען אין ביהמ"ד
סאטמער אין ראדני סטריט, א גאנצע וואך איז געשטאנען אינטען אז דער ראב"ד בעט זיך מען
זאל רחמנות האבען אופן בריאות פון סאטמער רב, אין דאס איז צענזארירט געווארען ווען
מען האט דאס אפגעדרוקט אין צייטונג, קענטיג אז עס האט שלעכט געקלינגען דער אויסטייטש
אז צוליב פיקוח נפשות דארף מען מתיר זיין דאס פלייש. 3. אין א לענגערע דרשה פון א
באקאנטען גאון וצדיק מפ' שליט"א דעם פארגאנגענעם מוש"ק פ' תולדות האט ער באשטעטיגט
אז עס איז דא גרויסע מכשולות ביי פלייש פון דעסטוועגען קען מען דאס נישט אסר'ן פאר
די גאס. יעדער בר דעת צו הערענדיג די פקחות'דיגע רייד פונעם רעדנער האט באלד פארשטאנען
די כוונה פון בעל דרשן אזוי ווי צו זאגען איך קען נישט אסר'ן (צוליב אומאויפהערליכע
טערור) אבער איר אידען דארפט פארשטיין נישט צו עסען קיין פלייש ווייל עס איז דא מכשולות
(א דעלעגאציע פון די הויכע פענסטער זענען געווען ביי די דרשה צו אבזעדווירען אויב עס
ווערט נישט גערעט קעגען חלב).
4. די חברת "מ ק מ ק " (מכשירים קצבים מנהיגים-קלים) צוזענדיג אז די אויבענדערמאנטע
היתרים זענען געפאלען אויף טויבע אויערען אין יעדער איד מיט א לעפעל יר"ש רירט זיך
נישט צו צום פלייש ווייל ער וויל זיך נישט אריינווארפען אין סכנה מיט זיין גאנצע
משפחה האבען זיך גענומען כביכול צו די תורה"ק אליינס, אויפגעזיכט אינגע לייט וואס
ווילען נושא חן זיין אין גרויס ווערען אין אגב מאכען א פאר דאלער, אין פארלאנגט פון

המנקרים בקבלה איש מפי איש מבית דינו פון מהרי"ל דיסקין זצ"ל ומהר"ש סאלאנט זצ"ל אז-ד- דער ניקור וואס די חרדים טועך היינט איז בקבלה פון זיי ולא שמענו אינו ראי'.

אין דף מ"ח שרייבט דער כזבן ווייטער אפילו מען זאל נאך געבען אז דער גאון וקדוש מהרי"ל דיסקין זצ"ל האט איינגעפירט ניקור א"י בלייבט נאך אגרויסער ספקאויב די היינטיגע מנקרים געדענקען נאך דעם ניקור ווייל עס איז ידוע אז איבער 10 יאר האט מען נישט גע'שחט'ן בהמות אין א"י, יעצט פרעגט זיך די קשיא אין א"י האט מען פארגעסען אין 10 יאר, אין הרה"ג שז"מ שליט"א וואס ער איז טיטולירט געווארען מומחה גדול בעניני ניקור הלכה למעשה אין ראש המשגיחים אויף ניקור (אנטשולדיגט מען האט מפרסם געווען אז עס איז נאך נישט דא קיין השגחה) אין ער האט שוין 30 יאר נישט מנקר געווען ער איז באגלייבט צו זיין משגיח ראשי איבער אזעלכע גע'שעפטען?.

צווייטענס אין אונגארין איז געווען געשלאסען די שחיטה 7 יאר וואס פארדרייטער א קאפ אז מען מאכט דא אונגארישען ניקור.

דער זייפן מאכט א בלבול באלו א גרויסער ציבור האט*אנגעהויבען ניצען פלייש פון שחיטת קלים ורקים צוליב דעם ערעור אויף חלב דאס איז נאר א בלבול המוח ווייל רובא דרובא האבען אינגאנצען אויפגעהערט עסען פלייש. צווייטענס דער אמת'דיגער גורם וואס האט גורם געווען פאר טייל מענטשען צו עסען נו"ט איז דער חברה "מקמק" ווייל אילו זכינו וואלט מען מתקן געווען אלע פראבלעמען תיכף ומיד אין עס וואלט נישט געהאט קיין געלעגענהייט ארויסצוגיין אויף דער גאס, עכשיו שלא זכינו אין די חברת "מקמק" האבען אנגעהויבען מעקען מיט כל מיני היתרים גיסענדיג פעך אין שוועבעל אויף יעדען איז די זאך אריבערגעפירט אין די פרייע וועלט, אין דער אחריות ליגט אויף זיי!!!!!.

דער זייפן טיטולירט איינעם פון די מערערים אלס ליינער פון ציוניסטישע ספרים ווייל ער איז מתיר צו ניצען ספרים וואס זענען ארויסגעגעבען דורך מוסד רב קו"ק, קענטליך אז דער זייפן קוקט נישט אריין אין די ספרים וואס איז געדרוקט געווארען אין מוסד רב קו"ק, נאר ער איז מעיין אין קו"ק'ס ספרים אליין, ווי ער צייכענט אן דעם ספר דעת כהן קו"ק
נאר ער איז מעיין אין קו"קס ס' אליין ווי ער צייכענט אן דעם ס' דעת כהן פון קו"ק אליין

לעצטעס האט די חברת "מקמק" באשלאסען צו פעלשען א בריף אונטערצושרייבען מיט'ן נאמען פון הרב מקאשוי וואס דארף אויסגעטייטשט ווערען אז ער ציהט צוריק פון זיינע טענות, בלויז געציילטע טעג שפעטער איז געמאלדען געווארען דורך די קהלה פון קאשוי אז הרב מקאשוי שליט"א האט זיך נישט געבויגען כחוט השערה אדרבה אסאך חיזוק האט ער באקומען פון אמת'דיגע ערליכע אידען משרידי דור הישן אנצוגייען מיט זיין קאמפף פאר אמת'דיגע כשרות.

בקרוב וועט מסתמא ערשיינען א אפיציעלע תורה בלאט לויט די אנווייזונגען פון די חברה "מקמק" אלע יודעי ספר וועלען האבען די מעגליכקייט אנטייל צו נעמען אין דעם וויכטיגען פראיעקט פון איבער ווייזען מדברי הפוסקים אז חלב דאורייתא איז גאר תלוי במנהג, אזוי ווי דער היתר פון שלמה גורן וואלט זיך געקענט לערנען פון זיי (שלמה גורן אויף די ממזירים, יעדער איינער איז בארעכטיגט צו טוהן וואס ער וויל בתנאי ער זאל זאגען אונגארישען ניקור, אין בזפות זה וועט ער זוכה זיין צו נשיאות חן פון די הויכע פענסטער אין האבען אויסזיכטען עולה לגדולה זיין כאשר יבא יומו לקיים מה שנאמר "כל המיצר לישראל נעשה ראש" אין די באקאנטע מאמר חז"ל "אין אדם נעשה ראש מלמעלה אא"כ נעשה רשע מלמטה".

מורי ורבותי צום שלוס פון מיין בריף וויל איך אויסדריקען מיינע געפילען דער אמת שלאגט זיך מיט'ן שקר דאס קען מען אפילו טאפען מיט די הענט, דער אמת שרייט היט זיך פון עסען זאכען וואס שטעלען אייך אין סכנה אייך מיט אייער הויז געזונט, היט זיך פון אריינברענגען אין שטוב זאכען וואס פירען אפ דורות פון אידישען וועג אין ברענגען צו אסימילאציע, היט זיך פון נישט לאזען פארפירען פון נידערטרעכטיגע שווינדלערישע בארבארישע פארברעכערישע פלענער וואס גראבען אונטער דעם דת, זייט אליין א שומר אויף אייער געזונט, אויף אייער לעבען אין אויף אייער אידישקייט.

חודש כסלו תשמ"ג
הק' מאטעל בענדער
סגן יו"ר דועד משמרת הניקור
דארצות הברית

[redacted]

× ועיין בסה"ק על הגאולה ועל התמורה דף מ"ט, (וזהו טענת הקצבים בכל הדורות כשתפסו אותם שהאכילו נבילות וטריפות. או חלב ודם, טענו שעכשיו ילכו לקנות טריפות ממש)

קונטרס על הגאולה ועל התמורה מט

יפה ללוקח ורע למוכר, ומהן להיפך, ועל כולן אמר ריב"ז אוי לי אם אומר אוי לי אם לא אומר, אם אומר שמא ילמדו הרמאין, פרש"י ומתוך כך יעשו לרמות יותר, ואם לא אומר שמא יאמרו הרמאין אין ת"ח בקיאין במעשה ידינו. איבעיא להו אמרה או לא אמרה. א"ר שמואל בר יצחק אמרה ומהאי קרא אמרה כי ישרים דרכי ה' צדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם. ופי' הרשב"ם צדיקים ילכו בם יזהרו בם שלא לרמות הבריות, ופושעים יכשלו בם ילמדו לרמות. ומאמר זה איתא גם במסכת כלים (פי"ז מ"ז) ובקבלת רבה (פ"ט) דנפקא מינה במעשה הרמאים לענין טומאה וטהרה, ועל כולם אמר ריב"ז אוי לי אם אומר וכו' אם לא אומר אני מונע את התלמוד ומטמא את הטהרות עיי"ש. ולכאורה יש להבין מעיקרא מאי קא מבעיא ליה ולבסוף מהיכא פשיטא ליה, ומה נתחדש לו בפסוק זה מה שלא ידע עד אז.

ונראה דספיקתו של ריב"ז היה איזהו מן החששות מכריע לדחות חבירתה,

אם יותר טוב לאמרו בשביל תועלת הכשרים שידעו האסור והמותר ויזהרו בשמירתן ולא ישגיחו על קלקול הרמאין, או יותר טוב שלא לאמרו שמא ילמדו הרמאין. ולבסוף הכריע ריב"ז מהאי קרא כי ישרים דרכי ה' צדיקים ילכו בם וגו' דכללות התורה כן הוא, למיימינים בה סמא דחיי, ולמשמאילים בה היא להיפך ח"ו, ואעפ"כ לא מנעה התורה מלכתבה אע"פ שאפשר שיגיע מזה קלקול לרשעים מכל מקום כדאי בשביל תועלת הצדיקים, וזה מכריע ודוחה חשש קלקול הרשעים, וע"כ אמרה ריב"ז מהאי קרא, ואע"פ שהרמאין ילמדו לרמות עוד יותר. וידוע מה שכתב הרמב"ם ז"ל בפתיחתו לספר המורה בדברי התנצלותו: ידעתי כי רבים וגם שלמים יקבלו תועלת מספרי זה, ואמנם המבולבלים שמחם מזוהם בדעות שאינם אמיתיות ובדרכים המטעים יברחו מפרקים רבים ממנו ויקשו עליהם וכו' מ"מ לא אמנע הטוב כשיהיה לאחד המעולה ולא יהיה לעשרת אלפים סכלים, אני בוחר לאמרו ולהציל המעולה האחד ההוא, ולא ארגיש בגנות העם הרב ההוא עכ"ל הזהב. וכתב האפודי ז"ל שם וכבר אמר החכם אבחר מיתת אלף אלפים סכלים בעבור הצלת איש משלם, ולא מיתת איש משלם בעבור הצלת אלף אלפים סכלים.

זיי צוזאמען צושטעלען פון די פוסקים א שטיקעל אחיזת עינים צו פארבלענדען דעם פשוטען -א-
המון כאילו חלב דאורייתא איז מותר לויט די פוסקים לכתחילה.

זונטיג פ' וישלח האבען זיך באוויזען די ערשטע שוואלבען ארויספליענדיג פון די בני תורה נעסטען מיט א קאפטען אין א קאלפיק מיטן נאמען "מצורעת אבותינו" אין פרעגט שוין גארנישט וואס פאר א דורכפאל די דאזיגע פאשקעוויל איז געווען, דער פאשקעווילען בוך מיט'ן נאמען מצורעת אבותינו האט געברענגט שאנד אין ביזיונות נישט בלויז פאר זיך, און דעם רב המסכים, נאר גלייכצייטיג אויך פאר די חברת "מקמק" אין די קהלה פון ווי ער שטאמט.

פאשקעווילען שרייבער איז נישט קיין נייעס אין היינטיגען דור, וואס איז סיי ווי פיהל מיט הפקירות אין פריקת עול, אבער צו מאכען א חיבור פון פאשקעווילען אין א נאמען געבען מ. אבותינו באקומענדיג א הסכמה פון א רב וואלט זיך נישט געגלייבט אז דאס קען פאסירען <u>בזמן הזה.</u>

דאס פאשקעוויל ביכעל צייכענט זיך אויס מיט איר זעלטענעם טאלאנט מזייף צו זיין ספרי שו"ת , בריתען מיט המלצות פון גדולים מאכיל צו זיין חלב במזיד, מבלבל צו זיין די מוחות אראפצוברענגען היתרים פון פוסקים וואס אסר'ן, אפצופאסלען מענטשען וואס גייען נישט אין שפאן מיט די חברת "מקמק" אפצושפעטען פון זיך אליינס, אויפצושטעלען משגיחים וואס האבען שוין 30 יאר נישט צוגערירט צו ניקור, און פסל'נען מנקרים וואס לעבען אלע יארען אין ניקור, צו דריקען גדולי הרבנים מפורסמים חאטש זיי קענען נישט קיין ניקור , זיי זאלען אונטערשרייבען אז אלעס איז כהוגן, צווינגען מענטשען צו עסען פלייש קעגען זייער ווילען מיט כוח פון טעראר, צווינגען רבנים וואס האבען אליין געזהן מכשולות ביי חלב זיי זאלען אינטערשרייבען אז לא היו דברים מעולם מיט טעראר.

דאס שניידערישקייט פון דעם פעלטשער איז פארברעכעריש אין בארבאריש אופן גאנג פון די היכטיגע משכילים און רעפארמער וואס פלעגען צו ברענגען האלבע פסוקים פון תנ"ך אין האלבע מאמרי חז"ל. אט האפט איר א בליק אויף די תשובה פון מהרש"ג (שם דף נ"ו) וועלעכע דער פאשקעווילען שרייבער ברענגט, וועט איר זיעהן אז די משכילים פון אמאל האבען זיך געמעגט לערנען שווינדלען אין פעלטשווען פון דעם דאזיגען פאשקעווילען שרייבער. ער שרייבט איבער די תשובה פון מהרש"ג שרייבענדיג איין שורה ארויסנעמענדיג 2 שורות, שרייבט נאך 2 שורות אין לאזט אויס 3 אין ווען איר זענט פארטיג אפליינען די תשובה נעמט איר ארויס דערפון פונקט דאס פארקערטע וואס דער מחבר האט באמת געמיינט (מיר בעטען אייך נעמט צייט אין טשעקט דאס נאך) דאס זעלבע טוט ער מיט'ן שו"ת לבושי מרדכי (די זכות פון די צדיקים איז זיי בייגעשטאנען אז זייער ארגינעלע תשובה זאל נישט געדריקט ווערען אין דעם פאשקעווילען מאגאזין, דער מזייף האט דאס קונה געווען פאר זיך בשינוי מעשה.

דער פאשקעווילען ביך איז מעתיק דעם בריף פון הגה"צ ר' זלמן בריזעל שרייפט ער אראף האלב אין לאזט אויס האלב, איהר קענט זעהן ווי עס פעלט מיט'ן א האלבע שורה.

דער שרייבער ברענגט דעם פסק פון התאחדות ה"ר תשרי תשמ"ג ער דריקט אפ די ערשטע האלב אין לאזט אויס די צווייטע האלב. (אין די צווייטע האלב וועט איר טרעפען אז דער ניקור איז נישט אין ארדענונג). דער זייפן פארמאגט נישט אפילו א ברעקעלע בושהאוועקצושניידען פון א מודעה וואס איז געדריקט געווארען אין דער איד 2 חדשים צוריק אין געליינט געווארען דורך די אויגען פון טויזענטער מענטשען, דאס ווייזט אז ער איז אפילו נישט בגדר אנושי, אזוי ווי די חז"ל זאגען " מילתא דעבודא לגלוי' לא משקרא אינשי" ער איז בגדר חייתו יער.

דער דאזיגער חיה (בצורת אדם) האט מתבל געווען זיין פאשקעווילען העפט מיט דברי ליצנות ובדחנות, צ.ב.ש. ער ברענגט צו די מכתבים פון די רבנים וואס זענען אליין מעיד אויף זייערע סטאר'ס ווי זיי געבען השגחה אז דער ניקור איז בתכלית הכשרות אין אז דער וואס איז מהרהר אויף א סטאר ווי זיי געבען השגה איז "כמעט מהרהר אחרי השכינה" ווייסט איר פאר וואס כמעט? ווייל איר האט נישט מהרהר געווען גראד אופן רב המכשיר, נאר אויף זיין סטאר, אין טאמער זענט איר מהרהר נאך דעם רב המכשיר זענט איר מהרהר אחרי השכינה ממש (עפ"ל) אזוי איז מעיד דער רב המכשיר אליין זעה דף מ"ה).

אין דף מ"ח שרייבט ווייטער דער זייפן אז דער ספר ווי עס ווערט דערמאנט אז ירושלימער ניקור איז מקובל פון מהרי"ל דיסקין דער מחבר איז א רב א ציוני, אין א מנקר א ת"ח ויר"ש פון חו"ל ווען מען האט אים געוויזען דעם ספר האט ער דאס געווארפען אויף דער ערד אין אויסגעשריגען ברענגט נישט קיין ראי' פון אפיקורסים?, וועגען כבוד הרב וויל מען נישט ארויסשרייבען ווער דער מנקר איז, ווייל די פארגאנגענע וואך איז ער געווען אין א בוטשער אין ארויסגעוויזען גרויס עם הערצות אין ניקור נאר וועגען דעם ספר ווילען מיר זאגען אז הגר"א לייזנער שליט"א האט ביי די רבנים קאנווענשען תשרי תשמ"ג דערמאנט דעם דאזיגען ספר תורת הניקור הירושלמי וואס האט הסכמות פון די גדולי הצדיקים ווי הגה"צ ר' זעליק ראובן בענגיס זצ"ל, אין הראב"ד ר' פנחס עפשטיין זצ"ל און הגה"צ ר' דוד יונגרייז זצ"ל ועוד), אין געברענגט אראי' פון דארט מקיל צו זיין, און אלע קנאים פון סאטמאר זענען דארט געזעסען בתוכם דער אויבענדערמאנטער מנקר אין קיינער האט זיך קיין ווארט נישט אן גערופען - אבו ווילען מיר באמאנען אז חוץ דעם ווייסען אלע זקני